בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

במדבר-שבועות
ד'-ו' סיון תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:03 |
| מוצש"ק | 8:21 |
| ר"ת | 8:57 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:11 | סוז"ת א' 9:39 |
| סוזק"ש ב' 9:03 | סוז"ת ב' 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קל"ו
שנה ג'

## טיב הפרשה

# שאו את ראש כל עדת בני ישראל

## די כח התורה אויפצוהייבן א איד מעלה מעלה

די וואכעדיגע פרשה איז די פרשה פון במדבר, און אין אנהייב פון די פרשה שטייט די ווערטער, שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - אז מען זאל אויפהייבן דאס קאפ פון יעדן איד.

מיר שטיין אין די וואך פון קבלת התורה, עס קען זיין אז די ביידע זאכן גייען אינאיינעם, ווייל דורך די תוה"ק ווערט א איד נתנשא און דערהייבט זיך העכער און קומט צוריק אן צום שורש.

עס איז דא א מורא'דיגע אוהב ישראל די וואך וואס רעדט ארום פון די נקודה ווי אזוי הקב"ה הייבט אויף א איד.

מיר ציטירן דא לשון קדשו: "שאו את ראש כל עדת בני ישראל למשפחותם לבית אבותם, היינו לנשאם ולהגביה אותם למקור המקורות ושורש השורשים של נשמות ישראל, שהוא בחינת 'קודש ישראל לה' ראשית תבואתה' (ירמיה ב, ג), סוד חכמה עילאה קדישא. וזהו 'למשפחותם', מלשון 'ספחני נא' (ש"א ב לו) היינו לשון דביקות. 'לבית אבותם', סוד חכמה קדישא הנקרא 'אב"א', כי היו כלולים ודבוקים בכח הא"ב הקדוש והנורא, ולהעלותם עוד למדרגה היותר גבוה ומעולה בקודש וכו'. ומשם יומשך ויושפע לבני ישראל עם קרובו כל חדו וכל טיבו, ונהורין עילאין קדישין להכנסת ישראל לעילא ולתתא, כן יהי רצון אמן. והמשכיל יבין כל זה, כי הם דברים עתיקין", עכל"ק ע"ש.

איך האב אינזינען געהאט צו דערציילן די פאלגענדע מעשה וואס גיבט ארויס ווי אזוי דייקא פון די תוה"ק קען מען זיך ארויסלערנען ווי אזוי א איד דארף זיך שטענדיג דערהייבן, און אז עס איז קיינמאל נישט דא פאר א איד אן אויסוועג אז ער קען זיך נאכלאזן און זיך מייאש זיין פון זיין לעבן.

איינער פון די חשובע בעלי מוסר צו וואס אונזער דור האט זוכה געווען, איז געווען דער בארימטער מגיד מישרים רבי יעקב גאלינסקי זצ"ל א תלמיד פון די בארימטע נאוואהארדאקער ישיבה.

אסאך צרות יגון ואנחה איז רבי יעקב אריבער ביי די ביטערע קריג, נאך דעם וואס ער האט מיטגעמאכט אין זיין שטאט האט ער פארברענגט עטליכע יאר אין סיביר, וואו ער האט געארבעט עבודת פרך.

נאך די קריג איז ער אנגעקומען קיין ארץ ישראל. אהער איז ער אנגעקומען איינער אליין, איינזאם, צובראכן און אנידערגעשלאגן.

זייענדיג אזוי צוגעלייגט האט ער נישט געטראפן קיין מוט אנצוהייבן פונדאסניי, איבערצומישן דאס בלעטל, ער האט זיך געשפירט פארלאזט.

אין יענע טעג, ווען ער האט זיך אזוי געדרייט איז דערגאנגען צו זיין אויער א שמועה אז אין די שטאט בני ברק וואוינט א צדיק, א גאון, דער הייליגער חזון איש זצ"ל וועלכע בלאזט אריין אין יונגע הערצער חיזוק און איז א מורה דרך פאר זיי.

ווי נאר ער האט דאס געהערט האט ער באשלאסן אז ער פארט אריבער קיין בני ברק און ער גיסט זיך אויס דאס הארץ פאר'ן רבי'ן.

א לאנגער שטיק צייט האט ער זיך געשלענגעלט ביז ווען ער איז אנגעקומען קיין בני ברק און אריינגעקלאפט ביים חזון איש אין שטוב.

"רבי, איך בין מיואש פון אלעם, איך שפיר נישט אז כ'וויל אנגיין מיט מיין לעבן".

מיט די גרעסטע מאס געדולד האט אים דער חזון איש אויסגעהערט, ווען ער האט געענדיגט רעדן האט אים דער חזון איש געזאגט אז ער וויל אים מיטטיילן מיט א מעשה שהיה וואס האט זיך אפגעשפילט דא ביי אים אין שטוב.

ומעשה שהיה אז היינט זענען צוויי אידן געקומען צוגיין צו אים אין א שטוב אויף א דין תורה, זיי האבן געהאט א וויכוח איבער א מעשה שהיה.

וואס איז די מעשה? עס שטעלט זיך ארויס אז איינער פון די אידן וואוינט אין אויסלאנד, ער האט דארט א פאבריק פון סחורה און פון צייט צו צייט קומט ער קיין ארץ ישראל און פארקויפט זיין סחורה.

דער איד האט אויך סחורה וואס ער קויפט איין דא און נוצט עס אין זיין פאבריק.

אזוי ווי ער דארף אסאך ארומפארן און אוועקזיין פון שטוב צוליב די געשעפטן, האט ער איינגעשטעלט א סדר אז אמאל פארט ער, און אמאל פארט זיין בני בית אויף די געשעפטן.

דער סדר איז אז יעדער מאל ווען ער קומט איינקויפן אויף געשעפטן ברענגט ער מיט זיך א בינטל פון געלט צו קענען האנדלן מיט דאס געלט. אויך דאסמאל ווען זיין בני בית איז

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# אהבה און וויאזוי איר צו דערגרייכן

אין די שטעטל סלאָנים האט דער וואסער-טרעגער חתונה געמאכט זיין טאכטער צו זייער א פשוט'ער בחור, וועלכער האט אפילו נישט געקענט ליינען פונעם סידור, און דער שווער האט אים געגומען אויסלערנען די אותיות און די נקודות, כדי ער זאל כאטש קענען דאווענען און זאגן די ברכות הנהנין. נאכדעם וואס דער שווער האט מצליח געווען אויסצולערנען זיין איידעם די הייליגע אותיות און נקודות, האט ער אים גענומען אויסלערנען וואס די ווערטער מיינען, און ווען ער איז אנגעקומען צו קריאת שמע, האט ער אים ערקלערט דער פסוק 'וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ', און ער האט אים געזאגט אז דער אויבערשטער באפעלט יעדן אידיש קינד אז ער זאל אים ליב האבן.

דער חתן האט דאס אבער נישט געקענט באגרייפן, און ער האט אויסגעדרוקט זיין וואונדער אין די אויערן פונעם שווער: וויאזוי איז מעגליך אז דער באשעפער, וואס ער איז דאך אזוי גרויס און פארכטיג, זאל ווערן אז איך, וואס איך בין דאך אזוי קליין און נידעריג, זאל אים ליבהאָבן? האט אים דער שווער געזאגט אז אזוי איז עס טאקע, אבער דער חתן האט זיך געהאלטן ביי זיינס. זעענדיג אז זיי קענען זיך נישט דורכקומען, האבן זיי באשלאסן אז מען וועט פרעגן דעם רבי'ן, הרה"ק רבי שמואל סלאנימער זצ"ל, און אזוי ווי ער וועט באשטימען אזוי וועט בלייבן.

אריינקומענדיג צום רבי'ן, האט דער רבי געגעבן גערעכט פארן שווער, און ווען דער חתן האט דאס געהערט, האט ער געשריגן מיט גרויס געפיל: אויב עס איז טאקע אזוי, מוז דאך זיין אז ער האט אונז אויך זייער שטארק ליב, און דעריבער וויל ער אז אויך אונז זאלן אים ליב האבן, און אויב האט מיר השי"ת אזוי שטארק ליב, האב איך אים אויך ליב.

האט דער רבי אויסגעפירט: אט דאס איז די אמת'ע מדריגה אין אהבת השם יתברך.

אט די מעשה וועט אונז העלפן פארשטיין די ווערטער פון דער זוהר הקדוש: אִלְמָלֵי הֲוֵי יָדְעִין בְּנֵי נָשָׁא רְחִימוּתָא דְּרָחִים קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, הֲווּ שָׁאֲגִין כִּכְפִירַיָּא לְמִרְדַּף אֲבַתְרֵהּ [אין אידיש: אויב די מענטשן וואלטן געוואוסט די געוואלדיגע ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט אונז ליב, וואלט מען געשריגן אזוי ווי לייבן צו גיין נאך אים].

אט די ליבשאפט, קענען מיר ערוועקן דורך די ווערטער וואס מיר ליינען אין די פרשה פון די וואך, וויבאלד אונזער פרשה איז עוסק אינעם ציילן די אידישע קינדער ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, און דער ענין פון פקידה, דאס ציילן די אידן, ווערט ערקלערט אין רש"י אז צוליב די ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט ליב די אידן, ציילט ער זיי די גאנצע צייט, זעען מיר פון דעם אז דאס ציילן זעלבסט ווייזט די ליבשאפט פון השי"ת צו כלל ישראל, און ווייטער זעען מיר אויף ווי ווייט גייט די ליבשאפט, וויבאלד מען האט נישט געציילט אלע אידן בכללות, נאר מען האט געציילט יעדן שבט באזונדער, און יעדן הויזגעזינד באזונדער, און דאס אלעס האט מען געטון צוליב דעם געוואלדיגן חשיבות וואס יעדן שבט און יעדן הויזגעזינד פון די אידישע קינדער טראגט אין די אויגן פון השי"ת, און פון דא זאלן מיר מעורר זיין די הערצער כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, צו א שטארקע ליבשאפט צו הקב"ה.

(עפ"י טיב השיחות – במדבר)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

געקומען צו גיין זענען אירע קעשענעס געווען פול מיט געלט.

גייענדיג צו די באגעגעניש מיט די פאבריק האט זיך די פרוי אויסגעגליטשט און זי איז אראפגעפאלן אויף די ערד.

די דורכגייער זעענדיג א פרוי ליגן אין גאס האבן גלייך אלאמירט די אמבולאנס, מען איז געקומען צוגיין, מען האט איר גלייך באהאנדלט אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס האט גארנישט פאסירט און מען האט איר באפרייט.

אין איילעניש זייענדיג שפעט פאר די ביזנעס מיטינג, איז זי געגאנגען שנעל צו די מיטינג. זי האט קאנפערירט מיט זיי און ביים ענדע האט זי געדארפט געבן איר חלק.

זי שטעקט אריין די הענט אין טאש ארויסצונעמען דאס געלט אבער דאס געלט איז נישט דא.

זי איז געווארן אויס מענטש, דאס געלט איז נישט דא, א חלק פון די געלט איז געווען געבארגטע געלטער, זי האט נישט געוואוסט וואו זי טוט זיך אהין.

די שאנסען אז זי זאל טרעפן איר בערזל איז געווען זייער קליין, זי האט זיך פארבינדן מיט איר מאן און דערציילט די געשיכטע אויספירנדיג אז די שאנסען אז זי זאל טרעפן דאס געלט איז קליין, אבער איר מאן האט איר געמוטיגט אז זי זאל זיך נישט מייאש זיין, זי זאל ווייטער זוכן דאס געלט.

זי איז געגאנגען צו יענעם ארט און געהאנגען צעטלעך און צו איר וואונדער האט איר א פרומער איד געקלינגען און דערציילט אז ער איז פונקט אריבער דארט און צוגעזען די מעשה און געטראפן איר בערזל.

דער איד האט געטראפן דאס געלט אבער ער האט איר עס נישט געוואלט אפגעבן, ער האט גע'טענה'ט אז על פי תורה האט ער קונה געווען דאס געלט, זי האט זיך זיכער מייאש געווען פון דאס געלט און עס איז זיין געלט.

דער איד האט באהויפטעט אז ער האט א שטוב מיט קינדער און אז ער דארף זיי חתונה מאכן און אז ער דארף דאס געלט, און זי וועט זיך שוין אן עצה געבן מיט דאס געלט און ער האלט עס נישט ביים אפגעבן פאר איר.

עס איז געווארן א משא ומתן און מען האט באשלאסן אז וועט גיין צום חזון איש זצ"ל און ער וועט פסק'נען וואס מען זאל טון. דער חזון איש האט אויסגעהערט אלע טענות און נאכ'ן הערן פון די פרוי אז זי האט זיך מייאש געווען, און אז נאר איר מאן האט איר געשטופט אז זי זאל זיך נישט מייאש זיין האט ער ארויסגעגעבן זיין פסק.

"מיר ווייסן דאך אז הלכה'דיג וואס א פרוי האט געהער פאר'ן מאן און דער מאן האט זיך נישט מייאש געווען, ווייל ער האט דאך איר געהייסן זוכן און אפילו אז זי האט זיך נישט מייאש געווען איז זי אבער נישט בעל הבית זיך מייאש צו זיין פון די אבידה".

דער איד האט נישט געהאט קיין ברירה, ער האט צוריקגעגעבן דאס געלט פאר די פרוי.

דער חזון איש האט זיך אויסגעדרייט צו רבי יאנקעלע און אים א זאג געגעבן.

אין דעם דין תורה ליגט א תשובה פאר דיר, עס איז אמת אז דו אליין ביסט מיואש, אבער דו האסט נישט די בעלות זיך מייאש צו זיין פון דיין לעבן - ווייל דו ביסט נישט דער בעל הבית פון דיין לעבן, און ווי מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען "על חיינו המסורים בידך, ועל נשמותינו הפקודות לך".

רבי יאנקעלע האט אויסגעפירט אז פאר לאנגע יארן האט אים דער געדאנק באגלייט און דערהאלטן ביים לעבן געבנדיג כח אנצוגיין.

אויף די נקודה האט ער ארויסגענומען פון די תוה"ק, ווייל אלעס ליגט אין די תוה"ק.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## א ספר עקסטער פאר איר

עס מאכט זיך אסאך מאל אין לעבן אז א מענטש וויל זיך שטארקן אין א געוויסער נושא אבער די זאך שטופט זיך אפ איין טאג נאכן אנדערן און דער איד טרעפט זיך יארן שפעטער ביים אלטן.

די זעלבע איז געווען מיט מיר. פאר לאנגע יארן חלום איך שוין אז איין טאג גיי איך לערנען גרינטליכערהייט די פירוש המילות פון דאווענען און דאווענען מיט כוונה, אבער דערווייל איז עס מיר קיינמאל נישט געגאנגען, עס איז געבליבן בגדר חלום, עס איז קיינמאל נישט געקומען לידי מעשה.

איין טאג, זיצנדיג אין שול, האב איך באמערקט אז נעבן מיר ליגט א ספר מיט א הערליכער פירוש אויף תפילה, די פירוש איז געווען אויסטערליש שיין, עס האט געכאפט מיין אויג, איך האב אנגעהויבן בלעטערן אין איר און זיך פארטיפט אין איר נישט שפירנדיג ווי די צייט גייט פארביי.

אזוי קוקנדיג אין דעם ספר קומט א איד צו מיר און מערקט מיט אויף אז די ספר איז זיינער, אז איך זאל עס אים אפגעבן.

"פון וואו האסטו דער ספר"? האב איך געפרעגט דעם איד. "עס איז אזוי שיין".

"א מתנה פון מיין חבר".

"און וואו קען מען עס קויפן?". האב איך געפרעגט דעם איד.

"איך ווייס נישט, אבער איך בין זיכער אז אין דער ספר איז דא די אדרעס פון דעם מחבר. נעם עס פון דארט און דו וועסט קענען האבן דעם ספר".

איך האב געפאלגט דער איד, איך האב איבערגעקוקט די אדרעס און די טעלעפאן נומער פון דעם איד און עס אוועקגעלייגט ביי מיר.

ווי יעדער אנדערער זאך האב איך פארגעסן פון דעם א מינוט דערויף, און טראץ וואס דער נומער טעלעפאן איז געלעגן אין מיין טאש האב איך פארגעסן פון איר.

יענע נאכט ביי מנחה מעריב הער איך ווי א איד פרעגט פאר זיין חבר צי ער וויל קויפן א ספר.

"איך האב נישט קיין געלט ביי מיר".

איך האב געגעבן א קוק פון וועלכע ספר מען רעדט און כ'זעה אז מען רעדט פון יענער ספר.

"איך וויל עס קויפן", זאג איך פאר דעם איד.

איך האב אים דערציילט די וואונדערליכע השגחה פרטית אז איך זוך שוין דעם ספר אגאנצן טאג און דא ברענגסטו עס מיר.

"איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך בין דער אייניקל פון דער מחבר, איך האב לעצטענס איבערגעדרוקט דער ספר און יעצט פארקויף איך עס פאר אנדערע".

די מעשה האט מיר געלערנט אז פון הימל העלפט מען דיר צו אין דיינע וועגן, און אויך אויב עס איז אריבער יארן און דו האסט געוואלט מקיים זיין א גוטער זאך - דארפסטו זיך נישט מייאש זיין ווייל עס איז קיינמאל נישט צו שפעט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ד.ר.)

# טיב ההתחזקות

## במדבר – די וועג צו קבלת התורה

די גמרא דערציילט וועגן רבי יהושע בן חנניא, אז די טאכטער פונעם קעניג האט אים געפרעגט: וויאזוי קען דאס זיין, אז דיין פראכטפולע חכמה געפינט זיך אין א שמוציגע כלי? האט איר רבי יהושע געענטפערט: אין וועלכע כלים האלט דיין טאטע די וויין? האט זי געענטפערט: אין פשוט'ע ערדענע כלים.

און זי האט אים ווייטער געפרעגט: אין וועלכע כלים, זעט אייך אויס אז עס פאסט אריינצולייגן די וויין? האט ער איר געענטפערט: איר זענט דאך די קעניגליכע פאמיליע, און איר פארמאגט אזעלכע רייכקייט, אויב אזוי וואלט געפאסט פאר אייך צו האלטן די וויין אין גאלדענע אדער זילבערנע כלים!

האט זי איבערגעגעבן די ווערטער צו איר טאטע, און מען האט טאקע אריבערגעפירט אלע וויין אין טייערע כלים, אבער אין א קורצע צייט ארום איז די וויין קאליע געווארן, ווערנדיג פארוואנדלט אין עסיג. האט איר דער קעניג געפרעגט: ווער האט דיר געזאגט, אז מען זאל איבערלייגן די וויין אין גאלדענע און זילבערנע כלים? האט זי געענטפערט: רבי יהושע בן חנניא.

האט מען געלאזט רופן רבי יהושע, און מען האט אים געפרעגט פארוואס האט ער אזוי געהייסן טון. האט ער געענטפערט דעם קעניג – אזוי ווי זי האט געזאגט צו מיר, אזוי האב איך געזאגט צו איר! זי האט געזאגט "וויאזוי קען זיין אז די פראכטפולע חכמה געפינט זיך אין א שמוציגער כלי", אזוי האב איך איר אויך געזאגט, וויאזוי קען זיין אז די פראכטפולע וויין געפינט זיך אין א שמוציגע כלי...

די תורה ווערט געגליכן צו וויין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "לְכוּ שִׁבְרוּ וֶאֱכֹלוּ וּלְכוּ שִׁבְרוּ בְּלוֹא כֶסֶף וּבְלוֹא מְחִיר יַיִן וְחָלָב", און די גמרא דרש'נט – מַה הַמַּיִם וְהֶחָלָב וְהַיַּיִן מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּפָחוּת שֶׁבַּכֵּלִים, כָּךְ דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִים אֶלָּא בְּמִי שֶׁדַּעְתּוֹ שְׁפָלָה (תענית דף ז.).

דער נייער חומש וואס מיר הייבן אן דער וואך, הייבט זיך אן מיטן פסוק "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי".

ווערט געברענגט אין מדרש – "מִכָּאן שָׁנוּ רַבּוֹתֵינוּ בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים נִתְּנָה הַתּוֹרָה, בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם וּבַמִּדְבָּר... בַּמִּדְבָּר דִּכְתִיב בְּמִדְבַּר סִינַי, לוֹמַר לְךָ מַה אֵלּוּ חִנָּם לָעוֹלָם אַף הַתּוֹרָה חִנָּם לָעוֹלָם".

דער תְּנַאי צו קַבָּלַת הַתּוֹרָה איז, אז מען זאל זיך שפירן אזוי ווי א מדבר, מיט ענוה און שפלות, אזוי ווי דער "אור החיים הקדוש" זאגט אין פרשת יתרו, וזה לשון קדשו: **"וְעִנְיַן ב' הוּא הַשִּׁפְלוּת וְהָעֲנָוָה, כִּי אֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמַּשְׁפִּיל עַצְמוֹ וּמֵשִׂים עַצְמוֹ כַּמִּדְבָּר, וּכְנֶגֶד זֶה אָמַר וַיִּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר – פֵּרוּשׁ לְשׁוֹן שִׁפְלוּת וַעֲנָוָה כַּמִּדְבָּר שֶׁהַכֹּל דּוֹרְכִין עָלָיו"**.

ביים סוף פון יעדן שמונה עשרה, בעטן מיר זיך ביים אויבערשטן "פְּתַח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ", אבער פריער בעטן מיר – "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה", וויבאלד נאר אזא נפש וועלכע האלט זיך נידעריג און איז שיין צו יעדן איינעם, נאר אזא נפש האט דער מעגליכקייט צו משיג זיין און פארשטיין די ווערטער פון די הייליגע תורה.

"עֲנָוָה הִיא מִדָּה טוֹבָה שֶׁאֵין כְּמוֹתָהּ"! ערקלערט דער הייליגער "פלא יועץ": "כְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עֲנָוָה גְּדוֹלָה מִכֻּלָּם, וְהִיא אַב הַתּוֹרָה וּמִדּוֹת הַטּוֹבוֹת... וְאַף אִם כְּבַר מָצְאָה יָדוֹ תּוֹרָה וּמִצְווֹת כְּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, מַה טּוּבוֹ אִם יִגְבַּהּ לְבָבוֹ, מֵאַחַר שֶׁהוּא תּוֹעֲבַת ה', הֲרֵי הוּא כְּאַחַד הָרֵיקִים וְהַנְּבָלִים וְלָמָּה לוֹ חַיִּים מֵאַחַר שֶׁהקב"ה אוֹמֵר עָלָיו אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִים לָדוּר כְּאֶחָד... וְחַיָּב אָדָם לוֹמַר – בַּמָּה אֲקַדֵּם ה' אִכַּף לֵאלֹקֵי מָרוֹם, כִּי הֶעְדִּיף טוּבוֹ עָלַי וְחַנַּנִי קָמַת דַּעַת וַעֲזָרַנִי לַעֲשׂוֹת טוֹב מְעַט יוֹתֵר מֵאֲחֵרִים, זוֹ טוֹבָה גְּדוֹלָה יוֹתֵר וְיוֹתֵר מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה וּמִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא"...

**אט דאס איז די ריכטיגע און פאסיגע הכנה צו קבלת התורה, צום זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, אריינצוגיין אינעם "מדבר" און טראכטן אז יעדער איז מער חשוב ווי מיר, גרעסער ווי מיר און מער מכובד'יג ווי מיר, אויב אזוי וואס האב איך מיך צו גרויסהאלטן איבער אן אנדערן.**

אן אין אמת'ן, אויב מען לעבט מיט אזא געפיל, איז עס זייער א רואיג און געשמאק לעבן, ווייל פארוואס זאל איך מיך בייזערן אויף א חבר וועלכער האט מיר געטשעפעט, פארוואס זאל איך טראכטן אז א צווייטער האט פארשוועכט מיין כבוד, ער איז דאך צען מאל מער חשוב ווי מיר!

און אזוי וועלן מיר זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה און איר צו מקיים זיין מיט רואיגקייט און הרחבת הדעת, וואס אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד.

# דער יום-טוב שבועות בצל קדשו פון הרה"ק רבי אליעזר'ל דזשיקובער זצוק"ל

**דער הייליגער יום טוב שבועות** בצילא דמהימנותא אינעם הייליגן **דזשיקובער הויף**, ביים הייליגן **שולחן הטהור** אשר לפני ה'. דער בית המדרש איז פול געווען מיט חסידים, יראים ושלמים אנשי המעלה, וועלכע שטייען אין פארנט פונעם רבי'ן באימה וביראה. די קדושה און געהויבנקייט פונעם גרויסן טאג, פילט זיך דא גוט אינעם אטמאספער, מיט א געוואלדיגן דביקות אין השי"ת דער נותן התורה און אין זיינע קנעכט די צדיקים, וועלכע ציען ווייטער דאס מסירת התורה מדור לדור.

דער הייליגער רבי, **הגה"צ רבי אליעזר זצוק"ל רב אב"ד דק"ק דזשיקוב, זון פון הרה"ק רבי נפתלי ראפשיצער זי"ע**, וועלכער איז באוואוסט געווען מיט אפענע רוח הקודש וואס איז שטענדיג אנטפלעקט געווארן אין זיין בית המדרש, הייבט אן רעדן לעכטיגע דברי תורה מיט א פייערדיגע פלאם, און די ווערטער זענען געווען פרייליך און לעכטיג כִּנְתִינָתָן מִסִּינַי.

צווישן אנדערע, האט דער הייליגער צדיק דעמאלטס גערעדט איבערן ענין פון '**מִצְוָה שְׁלֵמָה**', א פולשטענדיגע מצוה, וואס צומאל איז דער מענטש זוכה צו מקיים זיין א מצוה בִּשְׁלֵמוּת, מיט א רְעוּתָא דְּלִבָּא בְּתַכְלִית הַהִדּוּר וְהַדִּקְדּוּק, און מיט א ריינע און לויטערע כוונה, און ער קומט כמעט אן דורכדעם צום תַּכְלִית הַתִּקּוּן.

אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אינעם **פירוש המשניות להרמב"ם** ז"ל ביים סוף פון מסכת מכות (פ"ג מט"ז), וזה לשון קדשו: "מֵעִקְּרֵי הָאֱמוּנָה בַּתּוֹרָה, כִּי כְּשֶׁיְּקַיֵּם אָדָם מִצְוָה מִתַּרְיַ"ג מִצְוֹת כָּרָאוּי וּכְהוֹגֶן, וְלֹא יְשַׁתֵּף עִמָּהּ כַּוָּנָה מִכַּוָּנַת הָעוֹלָם בְּשׁוּם פָּנִים, אֶלָּא **שֶׁיַּעֲשֶׂה אוֹתָהּ לִשְׁמָהּ מֵאַהֲבָה**, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְתִּי לָךְ. – הִנֵּה זָכָה בָּהּ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא".

מיט אט דעם יסוד, איז דער הייליגער רמב"ם ז"ל דארט ווייטער מפרש דעם באוואוסטן מאמר פון **רבי חנניא בן עקשיא** (דארט אין די משנה): "רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, שֶׁנֶּאֱמַר (ישעיה מב, כא) ה' חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר". און ער איז מפרש דעם טעם דערצו: "כִּי מֵחֲמַת רִבּוּי הַמִּצְווֹת, אִי אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה הָאָדָם אַחַת בְּכָל יְמֵי חַיָּיו בִּשְׁלֵימוּת, וְיִזְכֶּה לְהִשָּׁאֲרוּת הַנֶּפֶשׁ בְּאוֹתוֹ הַמַּעֲשֶׂה".

און דער הייליגער רמב"ם ווייזט אויף דעם יסוד ווי פאלגנד: "מִשְׁאֲלָתוֹ שֶׁל **רַבִּי חֲנַנְיָה בֶּן תְּרַדְיוֹן** (עבו"ז יח.): 'מָה אֲנִי לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא', וְעָנָהוּ הָעוֹנֶה 'כְּלוּם בָּא לְיָדְךָ מַעֲשֶׂה'. כְּלוֹמַר, הַאִם נִזְדַּמֵּן לְךָ עֲשִׂיַּת מִצְוָה רְאוּיָה, עָנָה לוֹ שֶׁנִּזְדַּמְּנָה לוֹ מִצְוַת צְדָקָה בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת הָאֶפְשָׁרִית, וְזָכָה בָּהּ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. וּפֵרוּשׁ הַפָּסוּק, ה' חָפֵץ לְצַדֵּק אֶת יִשְׂרָאֵל, לְמַעַן כֵּן יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר", עד כאן לשונו הזהב.

האט דער רבי צוגעגעבן און דאס ערקלערט, אז צומאל קען זיך טרעפן, אז נאכדעם וואס דער מענטש האט זוכה געווען צו אט די '**מִצְוָה שְׁלֵמָה**', און דערמיט האט ער זיך קונה געווען זיין וועלט אין גן עדן, און עס איז כמעט נִשְׁלַם געווארן זיין תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ אין גן עדן. קען זיך מאכן, אז דערנאך וועט ער דארפן אוועקגיין פון דער וועלט, כדי ער זאל אנקומען צו זיין ארט און זיין נחלה אינעם עוֹלָם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב, כדי ער זאל נישט מקלקל זיין דאס וואס ער האט מתקן געווען. און אין אזא מצב דארף מען טרעפן מיטלען צו שטילמאכן דעם קטרוג, כדי דורכדעם זאל ער געפינען א נייער ציל וואס ער דארף נאך מתקן זיין אויף דער וועלט, און א נייע תכלית דורך וועלכע ער וועט צוגעבן נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ. און אזוי געפינען מיר טאקע ביי אסאך צדיקי עולם, כידוע, און דער רבי האט מאריך געווען אין דעם כְּדַרְכּוֹ בַּקֹּדֶשׁ.

צווישן זיינע ווערטער, האט דער רבי דערציילט א **סִפּוּר עַתִּיק יוֹמִין**, אראפלייגנדיג דעם געשעעניש שילדערנדיג עס מיט די פילע איינצלהייטן, ווען אין אנהייב האבן די חסידים נישט פארשטיין, וואס איז די שייכות פון דעם אלטן עובדא, צום גרויסן טיש פונעם הייליגן יום טוב שבועות...

-> ♦ <-

און אזוי האט דער רבי דערציילט, אינמיטן זיינע דברי תורה ביים גרויסן טיש פון שבועות:

דער הייליגער **מהר"ם מראָטנבורג זצוק"ל** איז געווען אין זיין צייט (מיט אומגעפער אכט הונדערט יאר צוריק) רַבָּן שֶׁל כָּל בְּנֵי הַגּוֹלָה, ער איז געווען מגדולי רבותינו הראשונים כמלאכים, און האט אויפגעשטעלט פילע תלמידים.

נאפאלגנדיג די באוואוסטע נידריגע בלבול וואס שונאי ישראל האבן אויסגעטראכט איבער אים, האט מען געכאפט דעם גרויסן רב זייענדיג אונטערוועגנס, ווענדיג אנטלויפן און אריבערגיין דעם ים צוזאמען מיט זיין הויזגעזינד און מיט זיינע טעכטער און איידעמער, און דורכגייענדיג דעם פאָרט פון **לאָמבאַרדיש** איז ער פלוצלונג געכאפט געווארן דורכן רשעות'דיגן שר וועלכער עס ספעציעל געשיקט געווארן אים נאכצויאגן און איינשפארן.

ער האט אים געבינדן אין קייטן, און מען האט אים געברענגט קיין רוים צום קעניג '**אדלוף**', וועלכער האט אים פאראורטיילט צו זיצן אין תפיסה, אינעם שרעקליכן פעסטונג באוואוסט מיטן נאמען '**דער טורעם פון וורשבורק**'.

ווען עס איז באוואוסט געווארן אז דער גדול הדור איז ארעסטירט געווארן, האבן אידן איבעראל גענומען ציטערן און טרייסלען, וואו אימער אידישע קינדער האבן זיך געפינען זענען זיי געווארן זייער צובראכן, און האבן גלייך ארויסגעשיקט לויפער און משולחים אויסצולייזן דעם רב. ווען דער בייזוויליגער קעניג האט געזען ווי שטארק אידן זענען צוטרייסלט געווארן צוליב דעם ארעסט פון זייער רבי, האט ער פארשטאנען אז ער קען פאדערן א ריזיגע סומע אויסלייז-געלט פאר אים, און דעריבער האט ער זייער שטארק אויפגעהויבן דער פרייז.

בליץ-שנעל האבן זיך עטליכע אידישע עשירים אנגערופן, אז זיי זענען גרייט תיכף אראפצולייגן דעם גאנצן געפאדערטן סומע, כדי מען זאל ארויסלאזן פריי דעם הייליגן צדיק און פירער פון כלל ישראל. דער מהר"ם זעלבסט האט אבער נישט געוואלט הערן דערפון בשום אופן, ערקלערנדיג, אז אויב וועט מען אזוי טון, וועלן די שונאי ישראל זיך צוגעוואוינען איינצושפארן די רבנים אין געפענגעניש, חלילה וחס, און פאדערן א ריזיגע סומע זיי אויסצולייזן.

דער קעניג אדלוף איז געווען פאר'עקש'נט אויפן ריזיגן סומע, און אזוי איז **רבינו מאיר בהר"ר ברוך מראטנבורג ז"ל** געבליבן דארט אינעם טורעם פאר גאנצע זיבן יאר! – ווען אינדערצייט וואס ער איז דארט געזעצן, האט ער פארגעזעצט צו פירן כלל ישראל אזוי ווי פריער, סיי מיטן ארויסשיקן תשובות און בריוון צו אלע ערטער, אזוי ווי עס זענען טאקע געדרוקט געווארן פון אים פילע תשובות וואס זענען פון דארט געשיקט געווארן. און סיי מיטן מרביץ תורה זיין פאר ספעציעלע תלמידים, וועלכע זענען ערלויבט געווארן צו קומען פאר אים און אים משמש זיין, און מקבל זיין די תורה פון זיין מויל דארט אינעם פעסטונג. [אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין **הגהות מיימוניות** (פ"ו מהל' שבת אות ו'): "וּזְכוּרַנִי כְּשֶׁהָיִיתִי אֵצֶל מוֹרִי בְּמִגְדַּל וושבור"ק, שֶׁבָּעֶרֶב שַׁבָּת עָשִׂינוּ מְדוּרָה לְהִתְחַמֵּם כְּנֶגְדָּהּ בַּלַּיְלָה, וּכְשֶׁיָּשַׁבְנוּ עַד וכו'" עי"ש. און זע אויך נאך אין זיינע ווערטער אין הלכות תשובה (ה, ב) קריאת שמע (א, יא) תפילה (יד, ח) שבת (יט, יח) און נאך].

זיבן יאר שפעטער, איז דער הייליגער מהר"ם נפטר געווארן דארט אינעם טורעם, זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים. אבער ווי ערשטוינט זענען די תלמידים געווארן, ווען זיי זענען געקומען אנפירן מיטן לויה כדת וכדין און אים ברענגען צו קבר ישראל, און די וועכטער האבן זיי נישט ערלויבט אריינצוגיין אינעווייניג. מען האט זיך דערוואוסט אז דער קעניג דער עקשן האלט זיך נאך פעסט מיט זיין ערשטע פאדערונג, און מיט זיין געוואלדיגע רשעות און אכזריות האט ער באפוילן אז מען זאל אים נישט ערלויבן צו ברענגען לקבורה, אויסער אויב זיי וועלן אים אויסלייזן פאר א ריזיגער סומע געלט.

און אזוי איז דער הייליגער קערפער פונעם מהר"ם, געבליבן ליגן דארט אין זיין הייליגן צימער דארט אינעם פעסטונג, פאר גאנצע **פערצן יאר**! – ביז דער אויבערשטער האט ארויפגעלייגט א גייסט פון הימל איבער איינער פון די אידישע נגידים, דאס איז געווען דער חשוב'ער גביר **רבי אלכסנדר בהר"ר שלמה ז"ל**, וועלכער האט זיך אריינגעלייגט מיט געוואלדיגע מסירות נפש, אויסצולייזן דעם הייליגן קערפער פון דער הייליגער מהר"ם און אים ברענגען צו קבר ישראל, און נאכן אויסגעבן זייער אסאך געלט איז אים טאקע געלונגען אזוי טון. גרויס כבוד האבן אידישע קינדער צוטיילט פארן הייליגן מהר"ם אינעם טאג פון זיין קבורה, און יעדער האט געלויבט און געדאנקט דעם נגיד רבי אלכסנדר אויף זיין געוואלדיגע גוטע פעולה.

ווי גרויס איז געווען דער וואונדער פון אלע ארטיגע איינוואוינער, ווען פלוצלונג איז הר"ר אלכסנדר פלוצלונג נפטר געווארן במיתת נשיקה! זיין לויה איז פארגעקומען אינעם זעלבן טאג, און מען האט אים געברענגט לקבורה נאנט צום הייליגן ציון פון מהר"ם מראטנבורג, וועלכער האט נארוואס מיט א טאג פריער זוכה געווען אז רבי אלכסנדר האט אים געברענגט לקבורה מיט מסירות נפש!

די פלוצים'דיגע פטירה פון רבי אלכסנדר – **האט דער הייליגער דזשיקובער רבי ווייטער דערציילט** – האט צוגעברענגט א חילול השם, וויבאלד מענטשן האבן גערעדט צווישן זיך און זיך געוואונדערט – וויאזוי איז מעגליך, אז נאכפאלגנדיג אזא מסירות נפש פארן כבוד פונעם צדיק, איז דער מענטש אזוי פלוצלונג נפטר געווארן?

געציילטע טעג שפעטער, איז רבי אלכסדר געקומען אין חלום צום שטאטס-רב, דער מרא דאתרא, ערקלערנדיג אז ער איז געשיקט געווארן צו אים פון הימל, כדי צו דערציילן די סיבה פארוואס ער איז נפטר געווארן, כדי מענטשן זאלן זיך נישט וואונדערן און רעדן פוסטע רייד איבער אים. דערביי האט ער אים מְגַלֶּה געווען, אז אינעם זעלבן אוונט, ווען ער האט זיך אראפגעלייגט שלאפן ביינאכט, נאכן ברענגען דעם מהר"ם לקבורה, איז דער הייליגער מהר"ם זצוק"ל געקומען צו אים אין חלום, און אים באדאנקט פאר זיין גרויסע טירחא וואס ער האט זיך מטריח געווען ביי זיין קבורה, וואס דורכדעם האט ער אים געברענגט צו זיין ארט און זיין נחלה. דערביי האט ער אים פאָרגעשלאָגן, אז ער זאל זיך אויסוועלן איינס פון די פאלגנדע צוויי זאכן: אדער אז ער זאל זוכה זיין צוזאמען מיט זיינע ווייטערדיגע דורות, צו אריכות ימים מיט עושר וכבוד, אדער אז ער זאל גלייך שטארבן און זוכה זיין לחיי עולם הבא, און זיצן צוזאמען מיט אים עִמּוֹ בִּמְחִצָּתוֹ.

רבי אלכסנדר האט אויסגעוועלט אינעם נצחיות'דיגן לעבן, און ער האט בעסער אויסגעקליבן דעם 'חיי הנפש' איבער די 'חיי הגוף', און ער האט גענומען דעם צווייטן אויסוואל, צו זיצן אינעם חופה פון דער הייליגער מהר"ם. און דעריבער איז ער פלוצלונג נפטר געווארן אינעם זעלבן נאכט, און ער האט טאקע זוכה געווען אז ער האט באקומען אן ארט **במחיצתו** פון דער הייליגער מהר"ם, אויבן אין גן עדן.

[זע די גאנצע מעשה אויספירליך, אינעם ספר **סדר הדורות** (חלק ימות עולם האלף הששי, שנת ה' אלפים מ"ו), און אין ספר **מעשה ניסים** (סימן י"ד), אויך ווערט עס געברענגט אין אסאך אנדערע ספרים].

דער הייליגער דזשיקובער רבי האט געענדיגט שילדערן דעם דערציילונג, און האט זיך פארזינקען אין זיינע הייליגע געדאנקען.

-> ♦ <-

די דזשיקוב-ראפשיצער חסידים, וועלכע זענען געווען באוואוסט מיט זייער געוואלדיגע שארפקייט און קלוגשאפט, האבן גלייך פארשטאנען אז דער הייליגער צדיק דערציילט נישט סתם מעשיות... און אוודאי וועט ער נישט דערציילן 'סתם מעשיות' אין אזא הייליגער טאג ווי דער זמן מתן תורתנו, און האבן פראבירט צו פארשטייט וואס איז דער 'טיב המעשה' וואס זיי האבן נארוואס געהערט פון זייער גרויסער רבי'ן.

דער רבי האט געשוויגן אביסל, און איז געזעצן פאר א שטיק צייט פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען, ווען זיין הייליג געזיכט האט געפלאמט ווי פייערדיגע פאקלען, און פלוצלונג איז ארויסגעגאנגען א געשריי מפה

המשך אין עמוד ד' >|

קדשו, און דערביי האט ער געגעבן א שטארקן קלאפ אויפן טיש מיט א געוואלדיגע התלהבות און אויסגעפירט: **״אבער ביי אונזער ׳ר׳ אביגדור הערש׳, וועט חלילה נישט זיין קיין חילול השם״!!!**

שטארק פארוואונדערט און ערשטוינט, האבן זיך אלע אויסגעדרייט צום ריכטונג פון ׳ר׳ אביגדור הערש׳, וועלכער איז געזעצן שטילערהייט ביים זייט פונעם הייליגן טיש, און האט נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן פון גרויס פארלעגנהייט... וואס וויל דער רבי פון אים? פארוואס דערמאנט ער זיין נאמען ברבים נאכדערצו אינמיטן פון א הייליגן יו״ט טיש פון שבועות? און פון וואספארא ׳חילול השם׳ רעדט זיך דא? – די פראגן האבן אים געעגבערט אין מח אן אויפהער.

ווען ער האט אבער, א שטיק צייט שפעטער, אנגעהויבן איבערשפילן אלעס ביי זיך אין מח און מאכן א ׳חזרה׳ אויף די גאנצע לאנגע ׳תורה׳ וואס דער הייליגער רבי האט נארוואס גערעדט, האט ער פלוצלונג אנגעהויבן אלעס קלאר צו פארשטיין. זיין געזיכט האט געלויכטן מיט א געוואלדיגע שמחה, פארשטייענדיג גוט וואס דער הייליגער רבי האט מרמז געווען מיט אט די מעשה, וואס ער האט דערציילט ביי זיין הייליגן טיש! – דאס אלעס האט געמיינט בלויז אים זעלבסט!

כידוע, איז דער שטייגער פון צדיקי אמת, אז מיט זייערע הייליגע דברי תורה, האבן זיי אינזינען געהאט צו פועל׳ן און ממשיך זיין ישועות, און נישט נאר מכוין זיין לַאֲמִתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, מיטן פארענטפערן דעם מדרש אדער דעם פסוק מיט וואס זיי האבן אנגעהויבן זייערע ווערטער, נאר אין דער זעלבער צייט זענען זיי עוסק בפועל, מיט ממשיך זיין ישועות און תיקון נפשות. אינדערצייט וואס די הייליגע צדיקים רעדן זייערע הייליגע ווערטער, ליגט פאר זיי אויפן ׳אפעראציע טישל׳ א חולה מסוכן, אדער א איד וועלכער דארף אן אנדער ישועה, ווייל די צדיקים ווערן אנגערופן ״רופאי הנפשות״ (רמב״ם פ״ב מהל׳ דעות ה״א). – אזוי ווי עס איז מרומז אסאך מאל אינעם הייליגן ספר **נועם אלימלך** באקאנט אלץ **ספרן של צדיקים** זי״ע. וזה לשון קדשו אין פרשת כי תצא (ד״ה כי יקרא בתוה״ד): ״דְּהִנֵּה השי״ת ב״ה בָּרָא וְעָשָׂה אֶת עוֹלָמוֹ, וְעוֹשֶׂה בּוֹ כִּרְצוֹנוֹ, ולעומת זֶה בָּרָא השי״ת הַצַּדִּיק שֶׁיָּכוֹל לְבַטֵּל גְּזֵרוֹתָיו (מוע״ק טז:). וְהִנֵּה אֵיךְ אֶפְשָׁרִי שֶׁיְּבַטֵּל הַגְּזֵרוֹת, שֶׁכְּבָר נִגְזְרוּ בַּשָּׁמַיִם בָּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים. אַךְ הוּא כַּאֲשֶׁר כָּתַבְנוּ כַּמָּה פְּעָמִים ׳בִּדְבַר ה׳ שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ׳ (תהלים לג, ו), דְּהַיְנוּ הַצַּדִּיק עַל יְדֵי עָסְקוֹ בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ, וּמְחַדֵּשׁ בָּהּ חִדּוּשִׁים, נַעֲשׂוּ שָׁמַיִם חֲדָשִׁים, וְעוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית. וְנִמְצָא מְמֵילָא הַגְּזֵרוֹת בְּטֵלִין, שֶׁלֹּא הָיוּ בְּאוֹתָן הָעוֹלָמוֹת שֶׁנִּבְרְאוּ מֵחָדָשׁ״, עד כאן לשונו הטהור. און אזוי שרייבט ער אויך אין פרשת ויצא און אין נאך ערטער, ענדליך דערצו, וְהַדְּבָרִים עַתִּיקִין.

ווען אונזער חסיד ר׳ אביגדור הערש האט גענומען איבערשפילן ביי זיך אין געדאנק אלעס וואס איז לעצטנס געשען מיט אים, האט ער צוריק־וועגס אלעס גוט פארשטאנען. אלע געשעענישן וואס זענען פארגעקומען מיט אים אין די לעצטערע וואכן, האבן פלוצלונג גענומען לייכטן, א דאנק די ׳תורה׳ וואס דער רבי האט יעצט מחדש געווען, און די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט ביים טיש, מיט א געוואלדיגע לעכטיגקייט!

-> ✦ <-

א גרויסער גביר איז געווען דער חשוב׳ער חסיד **׳ר׳ אביגדור הערש׳**, פון די חשוב׳ע דזשיקובער חסידים, זייענדיג א איד א תלמיד חכם, ירא ושלם בר אוריין ובר אבהן, וועלכער איז באוואוסט געווען אינעם גאנצן געגנט אלץ א גרויסער בעל צדקה, וועמענס ברייטן הויז איז שטענדיג פול געווען מיט פילע געסט, וועלכע זענען אויפגענומען געווארן בכבוד מלכים, און איידער זיי האבן פארגעזעצט זייער וועג האט זיי דער חשוב׳ער בעל הבית ארייגעדוקט א שיינעם סומע אין האנט... ר׳ אביגדור הערש האט גענומען די הייליגע מצוה פון **׳הכנסת אורחים׳**, און עס אויסגעפירט מיט גרויס ליבשאפט, זייענדיג מהדר דערין שטענדיג, בכל נפשו ובכל מאודו.

נאנט צום הייליגן יום טוב פסח פונעם זעלבן יאר, האבן די געשעפטן פון ר׳ אביגדור דערגרייכט א גרויסן בראך, וועלכער האט פארשוואונקט דאס מערהייט פון זיין פארמעגן, און ער איז ליידער געבליבן אן קיין מזומנים... אבער נישט א חסיד ווי ר׳ אביגדור וועט פארציכטן ויף די מצוה פון ׳הכנסת אורחים׳ אויף וועלכע ער האט אלעמאל אזוי שטארק מהדר געווען. ער האט פארשטאנען אז דאס איז נאר א **נסיון** פון הימל, צו זען וויאזוי ער וועט זיך פירן מיט זיינע געסט אין שווערערע צייטן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים ס, ו) ״נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס וגו׳״, כידוע.

און ר׳ אביגדור הערש איז עס טאקע בייגעשטאנען מיט שטארקייט אום פעסטקייט! זיין הויז האט זיך ווייטער אנגעפולט מיט געסט ווי געווענליך, אנדעם וואס איינער זאל וויסן עפעס איבער זיין אמת׳ן מצב הפרנסה...

אלץ צוגרייטונג צום הייליגן **׳סדר נאכט׳** האט ער געשאפט א גרויסע הלוואה, וואס ער האט געדארפט פאר׳משכנ׳ען דאס בעסטע פון זיין פארמעגן דערפאר, כדי ער זאל קענען ווייטער אנהאלטן מיט זיין לאנג־יעריגן מנהג פון פארטיילן הערליכע געלט־סומעס פאר **׳קמחא דפסחא׳**, אויך האט ער צוגעגרייט דעם סדר אין זיין הויז מיט גרויס כבוד און פראכט, ווען פילע געסט זיצן ארום זיין טיש. אלעס האט זיך געפירט אויפן בעסטן אופן אזוי ווי פון אייביג אן, אנדעם וואס אפילו איינער פון זיי זאל וויסן פון זיין אמת׳ן מצב... און ער אליין האט זיך געשטארקט זיין הארץ מיט שטארקע אמונה און בטחון אינעם מֶלֶךְ קֵל זָן וּמְפַרְנֵס, און האט זיך פארלאזט אויף השי״ת אז ער וועט אים אוודאי ארויסשלעפן פונעם בלאטע.

עטליכע טעג נאך פסח, האט זיך ר׳ אביגדור הערש נאכאמאל ארויסגעלאזט, פראבירן זיין מזל מיט זיינע געשעפטן, וועלכע זענען געווען מערסטנס אינעם **האלץ האנדל**. ער האט זיך געוואנדן צו איינער פון די וועלדער וועלכע האבן באלאנגט צו אים, און ער האט גלייך באפוילן פאר די צענדליגער ארבעטער וועלכע זענען דארט געשטאנען גרייט, אז זיי זאלן אפהאקן פאר אים א ריזיגן קוואנטום [כמות] פון גוטע און טייערע העלצער כדי עס אפצושיקן קיין דאנציג, צו צושטעלן א באשטעלונג וואס ער האט באקומען פונעם באוואוסטן יריד וואס קומט דארט פאָר.

דאס ארבעט פון האקן די האלץ, האט זיך געצויגן פאר עטליכע וואכן, און א וואך איידער דעם הייליגן יום טוב שבועות, זענען שוין אלע טייערע העלצער געלעגן איינגעפאקט, גוט צוגעבינדן, און גרייט ארויסגעשיקט צו ווערן אויפן וואסער קיין דאנציג, אזוי ווי עס איז דער סדר.

פלוצלונג, נאך אינעם זעלבן וואך, האבן שווערע רעגנס זיך אראפגעלאזט, און נאך עטליכע שעה פון שטארקע רעגן אן אויפהער, איז די גאנצע סחורה קאליע געווארן, וויבאלד זיי זענען געשטאנען אפן צו די שטארקע רעגן וואס האט עס אינגאנצן קאליע געמאכט, און מען האט עס שוין מער נישט געקענט נוצן.

דער קלאפ איז טאקע געווען זייער שטארק. דא האט מען שוין געזען א שטיקל ישועה מיטן האלץ האנדל, און יעצט איז אויך דער האפענונג צונישט געווארן, ווען דער מצב זעט אויס ממש הארב, און נאנט צו באנקראט [פשיטת רגל] רח״ל. אבער נישט איינער ווי ר׳ אביגדור הערש וועט פאלן צו די ארעמס פון יאוש און עצבות חלילה. ווי א געטרייער דזשיקובער חסיד בלב ונפש, איז ער ארויסגעפארן צום הייליגן יום טוב שבועות, ווי געווענליך, אויף א **נסיעה** צום הייליגן רבי׳ן. זיין צער און אומעט האט ער באהאלטן אין זיין הארץ, און זיין שיינענדן שמייכל האט ער ארויפגעלייגט אויף זיין געזיכט. [אזוי ווי עס ווערט געברענגט דורכן **רבינו בחיי ז״ל** אין זיין ספר **חובת הלבבות** (שער ט׳ פ״ד) אין נאמען פון ״קצת החסידים״, זע דארט]. אנקומענדיג קיין דזשיקוב, האט ער גארנישט דערציילט זיינע חברים איבער זיין געוואלדיגע צרה, כדי זיי נישט צו מצער זיין, און נישט צו צושטערן דעם שמחה פונעם יו״ט, און ער האט געטראכט אז נאך יו״ט וועט ער אריינגיין צום רבי׳ן און בעטן א ברכה און עצה איבער זיין געוואלדיגע צרה.










די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון ׳מכון טיב׳
פון הגה״צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט״א
0733-22-76-09 קלינגט אריין • באשטעלט • דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!